ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office



כ"ה תמוז תשס"ו

פרשת מטות-מסעי

טייערע קינדער שלוחים,

אידן זיינען איין משפחה: מיר זיינען דאך ברידער און שוועסטער און דער אויבערשטער איז אונזער טאטע.

אלע אידן ארום די וועלט טראכטן יעצט אויף די חלק פון אונזער משפחה וואס געפינט זיך אין ארץ ישראל.

קינדער, די אידן דארטן האבן מורא פון וואס וועט זיין. די גוים ר"ל שיסן אויף זיי שוין אפאר טעג. אפילו אין צפת – וואו דער אריז"ל איז, און אין טבריי' וואו דער רמב"ם ליגט, און אין חיפה וואו עס איז פאראן הר הכרמל, די בארג אויף וואס אליהו איז געשטאנען, האט מען געשאסן. וואס קענען מיר, קליינע קינדער טאן: מיר קענען דאך ניט גיין אין די ארמיי!

קינדער, איר דארפט זיך שטארקן אין אייער ארמיי (ווי איר וועט ליינען אין לעבן מיט דער צייט). איר דארפט זאגן תהילים און געבן עקסטער צדקה, ווייל דאס איז אונזער נשק וואפנט אנטקעגן די שלעכטס.

און קינדער, מיר מוזן דאווענען. ווער האט די מערסטע ליב א קינד? זיכער זיינע עלטערן, זיין מאמע און טאטע. ווער האט די מערסטע רחמנות אויף א קינד ווען ער געפינט זיך אין א שווערן מצב? זיכער זיין טאטע און מאמע. און ווער קען די מערסטע העלפן א קינד אין א שוועריקייט? זיכער א טאטע און מאמע.

דעם שבת בענטשן מיר חודש "מנחם אב". די ווערטער "מנחם אב" מיינען אז דער טאטע וועט בארואיגן און מנחם זיין. אין די שווערסטע צייטן פאר אידן ווען אידן זיינען געשיקט געווארן אין גלות, ווייסן מיר אז אונזער טאטע – דער אויבערשטער– האט אונז ליב, האט רחמנות אויף אונזער צער, און וועט אונז זיכער העלפן.

לאמיר בעטן אז שוין, אפילו פאר ראש חדש אב, זאל דער אויבערשטער אונז באווייזן זיין ליבשאפט און ענדיקן אונזערע צרות, און מיר וועלן הערן גוטע בשורות פון ארץ ישראל, דורך דעם וואס אונזער רבי וועט אונז פירן קיין ירושלים!!

א. וועכטער

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
**בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

## לעבן מיט דער צייט



*קינדער, איך ווייס אז איר אלע טראכט אויף וואס איר קענט טאן פאר די אידן אין ארץ ישראל. ליינט וואס דער רבי שרייבט וועגן די ארמיי און דאס וואס איר קענט טאן אין די ארמיי פון צבאות ה', ווייל דאס איז די ארמיי וואס וועט זיכער געווינען!*

**החלצו מאתכם אנשים לצבא**

מ'האט שוין פיל מאל גערעדט, אז די תורה רופט אן דעם אידישן פאלק "**צבאות השם**", דעם אויבערשטנ'ס ארמיי. און דערפון פארשטייט מען, אז די גוטע סדרים וואס זיינען איינגעפירט אין א גשמיות'דיקער ארמיי, זיינען אויך פאראן אין דער רוחניות'דיקער ארמיי פון "צבאות השם".

מ'זעט ווי עס פירט זיך אין יעדער ארמיי (דערפאר וואס אזוי איז דאס איינגעשטעלט געווארן דורך דעם אויבערשטן אין זיין ארמיי, אין "צבאות השם"), אז בשעת עס קומט–צו א ספעציעלע מטרה (א ספעציעלער ציל), און מ'דארף דאס דורכפירן גאר גיך, אויף דעם שנעלסטן אופן - נעמט מען אריין אין דער ארמיי נייע "רעזערוון", נייע "סאלדזשערס", אין צוגאב צו די וואס זיינען געווען פון פריער.

איז אזוי אויך אין דעם אויבערשטנ'ס ארמיי, אין "צבאות השם":

אין אונזער דור, **דרא דעקבתא דמשיחא** (דער לעצטער דור פאר משיח'ן), איז צוגעקומען די ספעציעלע אויפגאבע און ציל, אז מ'דארף צואיילן און דערגרייכן דעם נצחון פון אראפברענגען משיח'ן "מהרה", "נאו".

ובמילא, איז אין צוגאב צו די "צבאות השם" וואס זיינען געווען אין אלע פריערדיקע דורות און זיינען דא איצטער - "רוקט" ער אריין און שיקט אריין נייע "רעזערוון", נייע "סאלדזשערס", נייע אידישע קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, אז זיי זאלן לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, וואס דאס איז דער "נשק", דער "וואפן", פון "צבאות השם",

און דורך דעם - דורכפירן אויף דעם שנעלסטן אופן דעם ציל וואס דער אויבערשטער, דער "קאמענדער–אין טשיף" פון "צבאות השם", האט געשטעלט פאר אונזער דור - אראפברענגען די גאולה אין אן אופן פון "נאו" דורך "**צמח דוד עבדך מהרה תצמיח**".

און דאס איז דער תפקיד און די שליחות פון יעדער אידישן קינד, אינגעלע און מיידעלע, וואו נאר זיי געפינען זיך (ווארום וואו נאר זיי זיינען, געפינען זיי זיך דארט אלס בן אברהם יצחק ויעקב און בת שרה רבקה רחל ולאה):

כדי צו נאכמער פארשנעלערן דעם סוף פון גלות און די גאולה דורך משיח צדקנו - דארף מען האבן נייע "רעזערוון", נייע "סאלדזשערס", נייע "צבאת השם", וואס זיי זאלן פארשטארקן די "צבאות השם" וואס זיינען פאראן ביז איצטער.

בעט דער אויבערשטער און ער גיט כח דערצו, אז עס זאלן צוקומען און גע'דרעפט" ווערן נייע "צבאות השם" איז צוגאב צו די פריערדיקע.

און דעריבער, אין צוגאב דערצו וואס יעדער קינד דארף אליין בפועל

*(המשך אין עמוד 2)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# דעם חסידישן לוח



## בין המצרים - די דריי וואכן.

די דריי וואכן צווישן י"ז תמוז און תשעה באב ווערן אנגערופען בין המצרים - אינצווישן די ענגשאפטן. די וואכן זיינען שווערע וואכן פאר אידן. דאס זיינען די טעג ווען די גויים האבן אין ירושלים גע'הרג'ט אסאך אידן. אין די טעג האבן די גויים זיך גענענטערט צום בית המקדש ביז זיי האבן דאס פארברענט אויף תשעה באב.

יעצט האבן מיר אויך געוויסע מנהגים וואס מיר טוען צו באווייזן אז דאס איז - דערוויילע– א טרויעריקע צייט.

אין די דריי וואכן:

- מאכט מען ניט חתונות
- מען טאנצט ניט
- מען הערט ניט מוזיק
- מען שניידט ניט די האר
- מען מאכט ניט די ברכה שהחיינו.

בעיקר האט דער רבי געזאגט אז עס זיינען פאראן גוטע זאכן וואס מען זאל טאן דוקא אין די טעג.

געבן מער צדקה

האבן מער אהבת ישראל

לערנען די הלכות פון די בית המקדש.

דורך דעם וועלן מיר מאכן אז די טעג זאלן ווערן גוטע צופרידענע טעג און אויפבויען די דריטע בית המקדש!!

## שבת חזק

דער שבת איז שבת חזק פאר ספר במדבר. דער בעל קורא ליינט די לעצטע פסוק מיט א ספעציעלע ניגון. ווען ער ליינט די לעצטע פסוק שטייען אויף אלע מענטשן אין שול, און ווען ער ענדיקט שרייען ארויס אלע צוזאמען "חזק חזק ונתחזק!"

# משיח נאו!



יעצט אין די צייט פון די דריי וואכן האט דער רבי געבעטן לערנען די הלכות וועגן די בית המקדש פון דעם רמב"ם. דא זיינען פאראן זיבן הלכות פון דעם בית המקדש. איר קענט לערנען איין יעדן טאג: פון פרייטאג–כ"ה תמוז , ביז נעקסטן פרייטאג - ג' מנחם אב, ווען מיר וועלן אי"ה האבן די נעקסטע הלכות..

א. הר הבית - די בארג וואו דער בית המקדש איז געווען, האט געהאט 5 שערים - טויערן אריינצוגיין.

ב. מען האט באוויזן א יראה פון די מקדש, דורך דאס ניט נוצן אלס א דורכגאנג: אויב מען האט ניט געדארפט אריינגיין אין מקדש, איז מען ארומגעגאנגען די בארג.

ג. ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון די מקדש איז מען געגאנגען צוריקצוועגס מיט דעם פנים צום מקדש (ווי ווען מען גייט ארויס פון רבי'ן)

ד. נאר א קעניג פון בית דוד האט געמעגט זיצן אין בית המקדש.

ה. אין די קדש קדשים איז געווען דער ארון.

ו. לעבן די ארון איז געווען די צנצנת מן - א האלטער וואס האט געהאט אין זיך מן פון דעם מדבר

ז. לעבן די ארון איז אויך געווען דער שטעקן פון אהרן.

*לאמיר בעטן ביים אויבערשטן אז אין זכות פון אונזער לערנען זאלן מיר טאקע האבן די בית המקדש בפועל ממש!!*

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

אנהייבן טאן אין "צבאות השם", מיט "נשק", דעם וואפן, פון "צבאות השם" לערנען תורה און מקיים זיין מצוות,

דארפן אידישע קינדער באמיען זיך צו אריינציען און "מאביליזירן" נאך אידישע קינדער, אז זיי זאלן "וואלונטירן" צו אריינגיין אין "צבאות השם".

ובפרט אז א מיטגליד פון "צבאות השם" דארף דאך מקיים זיין די מצוה פון "**ואהבת לרעך כמוך**", וואס איז א "**כלל גדול בתורה**". ובמילא, ווען ער זעט א אידיש קינד וואס איז נאך ניט קיין מיטגליד פון "צבאות השם", לייגט ער זיך ארייַן צו אריינציען דעם קינד אין "צבאות השם", דורך רעדן הארציק, און נאך מער - דורך זיין א גוטער ביישפיל, און בשעת ער הארעוועט שטארק אויף דעם, איז א זיכערע זאך, אז "**יגעת ומצאת**" - מ'וועט מצליח זיין אין אריינציען אים אין דער "ארמיי".

און די **נייע** "רעזערוון", נוצנדיק דעם **זעלבן** "וואפן" (וואס די פריערדיקע האבן גענוצט), די זעלבע מיטלען פון תורה און מצוות, וואס דאס איז אן אייביקער וואפן - וועלן זיכער מצליח זיין און צוברענגען דעם נצחון אויף דעם יצר.

און ברענגען דעם נצחון "נאו", תיכף ומיד.

וויל ווען "**ישראל עושין תשובה**", אידן (אנהויבנדיק פון אידישע אינגעלעך און מיידעלעך, וואס לערנען תורה און זיינען מקיים מצוות) טוען תשובה, איז "**מיד הן נגאלין**", משיח קומט "נאו".

און "**לישועתך קוינו כל היום**": אפילו אויב "**יתמהמה**", אפילו אז משיח פארהאלט זיך אויף עטלעכע מינוט, אדער אויף עטלעכע שעה, אדער אויף א טאג - איז "**קוינו כל היום**" - מ'האפט און מ'בעט בא דעם אויבערשטן דעם גאנצן טאג, אז משיח זאל קומען "נאו" ממש,

גאולה האמיתית והשלימה ע"י "צמח דוד עבדך", מלכא משיחא.

(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת ג' דחוה"מ סוכות תשמ"א, כ"ה כסלו תשמ"א)

# דערציייל מיר א מעשה



זונטיק צופרי. די רייע צו גיין פארן רבי'ן און באקומען א ברכה איז גאר גרויס. אלע מענטשן, חסידים און אידן וואס רופן זיך נאך ניט חסידים, ווארטן צו דעם זכות פון באקומען א דאלער פון דעם רבי'נס הייליקן האנט.

"אנטשולדיק מיר," זאגט א מענטש צו דער חסיד וואס איז געשטאנען פאר אים אין די שורה. "דאס איז די ערשטע מאל וואס איך בין דא, און איך ווייס ניט פונקט וויאזוי בעטן דעם רבי'ן פאר א ברכה. איך האב א פראבלעם מיט די אויפפירונג פון מיין יונגסטע זון. און איך בין געקומען בעטן אויף דעם א ברכה. קענסטו מיר העלפן צו געפונען די ריכטיקע ווערטער צו זאגן וואס איך וויל צום רבי'ן, און ניט נעמן פון אים צו פיל צייט?"

דער חסיד האט געטראכט און האט געזאגט "איך זעה אז דו פארשטייסט ווי פארנומען דער רבי איז. באמת איז עס בעסער אז דו זאלסט גאר ניט זאגן. ווען דער רבי זאגט 'ברכה והצלה', גיט ער א ברכה אויף אלס."

דער מענטש האט פארשטאנען און האט באשלאסן גאר ניט זאגן צום רבי'ן. ווען דער רבי האט אים געזאגט "ברכה והצלחה" האט ער געפילט אז דאס איז באמת זיין ברכה.

ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון רבי'ן אבער, האט דער רבי אים צוריקגערופען. דער רבי האט אים געגעבן נאך א דאלער. "דאס איז פאר דיין זון." האט דער רבי געזאגט.

*קינדער, דער רבי ווייסט פונקט וואס יעדער פון אונז דארף, אפילו פאר מיר פרעגן. און דער רבי זוכט אלעמאל גיסן ברכות אויף אלע אידן –און בפרט אויף זיינע טייערע חסידים און שלוחים! לאמיר טאקע טאן וואס דער רבי וויל פון אונז, און בעטן פאר זיינע ברכות פאר די אידן אין ארץ ישראל און איבעראל.*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת מטות-מסעי

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

העלף די אידן געפונען די וועג פון מדבר צו ארץ ישראל








## שבת מברכים
### ראש חודש

**שבת מברכים חודש מנחם אב**

- ☐ דער שבת איז שבת מברכים חודש מנחם אב
- ☐ איך האב געזאגט תהילים שבת אינדערפרי.
- ☐ איך בין געגאנגן אין שול און איך האב געבענטשט דער נייע חודש

**ראש חודש מנחם אב**

מיטוואך - א' אב

- ☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און בענטשן
- ☐ איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- ☐ איך האב געדאווענט עזאגט ברכי נפשי נאך שיר של יום
- ☐ (מיידלאך) איך האב ניט גענייט אדער געוואשן קליידער

ראש חודש מנחם אב איז די יארצייט פון אהרן הכהן. אהרן איז געווען אן אוהב שלום ורודף שלום. ער האט געזוכט מאכן שלום צווישן מענטשן. אהרן האט זיך פארנומען מיט ענדיקן קריגערייי וואס זיינען געשען צווישן מענטשן. ווען ער איז אוועק זיינען אלע אידן - מענער און פרויען -געוועזן זייער טרויעריק, און זיי האבן געוויינט א גאנצע חודש.

יעצט אין די צייט, מוזן מיר לערנען פון אהרן און מערן אין אונזער אהבת ישראל. די וועג צו פאררעכטן די סיבה פון די גלות - שנאת חנם- איז דורך אהבת חנם - ליב האבן יעדער איד נאר ווייל ער/זי איז א איד!

# הצלחה רבה

נאמען:____________________ ווי אלט:_____

אדרעס:____________________________

____________________________

אימייל:____________________